די גאָלדענע קייט 43 (1962)

משה קולבאַק

# דאָס ייִדישע וואָרט

1. די אַלט ייִדישע ליטעראַטור



משה קולבאַק — אַ בילד פֿון 1936

אַזוי ווי „די שפּראַך איז דער מענטש” אַזוי איז די שפּראַך דאָס פֿאָלק, מען מוז גיין צו זײַן שפּראַך.

ייִדיש איז תּחילת נעבעך קרום און לאָם געבאָרן געוואָרן. ווערטער פֿרעמדע מישן זיך אײנעם פֿאַר־צײַטיקן ייִדיש צונויף מיט אַלט־העברעיִשע און שאַפֿן ניט דערבײַ קיין אײנהײטלעכקייט. וועגן סטיל רעדט זיך דערווײַל ניט, עס פֿעלט אַפֿילו דער שאַבלאָן, די אײנפֿאַכע גלאַטע פּראָזע, וואָס זאָל זײַן גאַנץ אין איר צוזאַמענגעגאָסנקייט, די ווערטער אָטעמען ניט מיט דער קרובֿישאַפֿט פֿון אַן אייגענער נאַציאָנאַלער שאַפֿונג.

אין יאָר 1530 האָט זיך געעפֿנט די ערשטע ייִדי־שע דרוקערײַ, דער דריטער געדרוקטער ספֿר איז געווען אײנעם אַ ר׳ אַנשילס מרכּבֿת המשנה אויף ייִדיש. ר׳ אַנשל דערקלערט אין דער הקדמה דעם ציל פֿון בוך: „די ווייל עס גימייניקלעך איז גיוואָרדן דס מן אלי יר בורגני זך אונ בויכר אן טאג ברענגט צי דויטש אורנך דס איין איקליכער גימיינר מאן מג וויסן — — —”.

אַזוי האָט אויסגעזען ייִדיש אין 16טן יאָרהונדערט. איצט איז אונדז פֿרעמד אַפֿילו דער קלאַנג פֿון דער דאָזיקער צונויפֿמישעניש. די ייִדישע שפּראַך האָט זיך פֿון דעמאָלט אָן הונדערטער יאָרן געריניקט אין מויל פֿון פֿאָלק, דאָס וואָרט האָט זיך געלײַטערט, ביז עס האָט זיך צוגעפּאַסט צום גײַסט פֿון איצטיקן ייִדן. דער פֿאָלקסגײַסט האָט איבער־געשאַפֿן די אַלערליי שפּראַך־קאָמבינירונגען, האָט עס איבערגעשמאָלצן אויף דאָס נײַ אַזוי, אַז די שפּראַך פֿון דעם ייִדישן פֿאָלקסליד האָט זיך שוין אַנטוויקלט ביז צו דער מדרגה פֿון אַ קולטורשפּראַך. די אינערלעכע מעגלעכקייטן פֿון ייִדיש קאָן מען ערשט אָפּשאַצן דעמאָלט, ווען מען נעמט אין באַטראַכט דעם מהלך וואָס ליגט צווישן דער שפּראַך פֿון מרכּבֿת המשנה און צווישן דער ניט לאַנג אָפּגעדרוקטער איליאַדע אויף ייִדיש.* די איבערזעצונגען פֿון האָמערן בײַ יעדן פֿאָלק ווײַזן ניט נאָר אויף אַ געוויסער גײַסטיקער צײַטיקייט פֿון דעם דאָזיקן פֿאָלק נאָר אויך אויף דער קינסטלערישער רײַפֿ־קייט פֿון דער שפּראַך, אויף וועלכער האָמער קאָן איבערגעזעצט ווערן.

אין דעם פֿאָלקסליד זעט מען שוין די ייִדישע שפּראַך, ווי זי האָט באַקומען „דעם זיבעטן חן”. האַרציק־ייִדישלעך און פֿאָלקסטימלעך וועבט זיך אײַן דאָס וואָרט אין די נאַיִווע פֿערזן. און עס אָטעמט מיט דער פּרימיטיווער פֿײַנקייט פֿון פֿאָלקסשאַפֿונג, נאָר די שפּראַך פֿון דעם פֿאָלקסליד ווערט געשליפֿן אומבאַוווסטזיניק, דאָס פֿאָלק שאַצט ניט אָפּ דעם קינסטלערישן ווערט פֿון וואָרט.



* מאַקס עריק, די איליאַדע, דאָס פּעטע בוך, די ייִדישע וועלט (ווילנע 1913) און אַ געראַלדיקע אויף היין דעם העקסאַמעטער: "מיט אַזוי האָבן די טרויער געמאַכט: אימה/ האָט די אַכיר באַפֿאַלן, געקאָפּן אין אויגן" אויל. עפּישע פֿאָרמע, שטעגע, עקזאָטישע דיקציע

-12-

די ייִדישע דיכטער האָבן באַוווּסטזיניק געריניקט די שפּראַך. ייִדיש האָט זיך טובֿל געווען אין די נשמות פֿון די ייִדישע קינסטלער און דורך דעם האָט זי געוווּנען איר עסטעטישן פּנים. דורכגייענדיק די „זיבן טויערן פֿון דײַטשמעריש" האָט די ליטעראַרישע ייִדישע שפּראַך אין גאַנצן פֿאַרלאָרן דאָס נאַטירלעכע אויסזען, און ר' מענדעלע האָט געמוזט איבערבויען זי אויף דאָס נײַ. ווי אַ מבֿין באַטראַכט אַ גוט שטיקל סחורה, אַזוי האָט ר' מענדעלע תּחילת באַטראַכט די שפּראַך: „פּאָמאַיניצעס טראָגן, וואַסער אָנטראָגן, מיט דעם בעל־הביתס קינדערלעך זיך אַרומטראָגן, דער בעל־הביתטע בײַם אײַנקויפֿן אַלצדינג צוטראָגן, שטיקלעך אַרבעט אַהין־אַהער אָפּטראָגן, מיט בעלי־בתּישקייט שטענדיק זײַן פֿאַרטראָגן און איטלעכנס קאַפּריז, קלעפּ און באַליידיקונגען אַריבערטראָגן." ר' מענדעלע האָט מסתּמא נאָכדעם אַ טראַכט געטאָן ווי געווײנטלעך: ניט דאָס בין איך אויסן, אָבער ער איז אַ פּנים געבליבן צופֿרידן פֿון דער בייגיקייט פֿון דער שפּראַך. און באמת איז ניטאָ נאָך אַ צווייטער שרײַבער צו ר' מענדעלען אין דער ייִדישער ליטעראַטור (אפֿשר בערגעלסאָן), וואָס זאָל אַזוי קלײַבן און שלײַפֿן דאָס וואָרט. דער ערשטער גאָט־געבענטשטער פּיאָנער פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, האָט ער אויסגעפֿירט די שווערסטע אויפֿגאַבע: ער האָט צונויפֿגעקליבן די „אותיות פּורחות", — די אַלערליי ווערטער: און האָט זיי צוזאַמענגעגאָסן — אַן אוצר פֿאַר די קומענדיקע ייִדישע וואָרטקינסטלער, און אויב ר' מענדעלעס סטיל באַהאַלט ניט אין זיך דעם אינהאַלט פֿון אַ רײַכער, פֿײַנער נשמה, איז ער אָבער עפּיש־זיכער, ריין און ווײַס ווי אַ שטיק מאַרמאָר. ר' מענדעלע האָט געשאַפֿן דעם ערשטן עפּישן סטיל אין דעם מאַמע־לשון. ייִדיש האָט באַקומען די ערשטע אינערלעך־קינסטלערישע איבערבויונג.

און דאָך האָבן די ייִדישע שרײַבער און די דעמאָלטיקע אינטעליגענץ נאָך ניט דערפֿילט די רײַכע מעגלעכקייטן פֿון דער ייִדישער שפּראַך. זיי האָבן זיך געווענדט צו ייִדיש צוליב סאָציאַליסטישע מאָטיוון (זע ניגער), פֿאָרויס זײַענדיק איבערצײַגט אין איר קליינעם ווערט אַלס שפּראַך פֿאַר אמתער פּאָעזיע. ס'איז באַוווּסט פּרצס ליד וועגן ייִדיש, הגם ער גופֿא האָט שפּעטער אומגעביטן זײַן מיינונג:

אונדזער ייִדיש האָט נאָר וויצן,
זי איז ווי גאַל, ווי פּיאָלון ביטער
האָט נאָר שפּיצן, בלאַנקע בליצן,
און זי דרעשט דאָס לײַב מיט ריטער — — —

פּרץ דער עלוי מיט דעם שאַרפֿן קאָפּ, וואָס זײַן גײַסט איז „וויציק" און „שפּיציק", און זײַנע געדאַנקען פֿליִען דורך ווי „שאַרפֿע בליצן", אפֿשר האָט ער אויסגעפֿונען אין ייִדיש נאָר די אייגנשאַפֿטן, וואָס ער האָט געקאָנט אויסגעפֿינען? דאָס טויטע וואָרט איז אויף אַזוי פֿיל „בליציק" און שאַרף, אויף וויפֿל דער וואָס באַנוצט זיך מיטן וואָרט קאָן דורך אים אויסדריקן שאַרפֿקייט און בליציקייט. אפֿשר האָט פּרץ אין דאָס ציטירטע ליד אַרויסגעזאָגט זײַנע אַ קינסטלעריש־סוביעקטיווע אײַנזעעניש, אַזוי ווי מעטערלינק זעט אײַן אין דער פֿראַנצייזישער שפּראַך בלויז ווערטער, און סעווריאַנין אין דער רוסישער — ראָזע ווערטער!

נאָר וואָס פּרץ זאָל זיך ניט האָבן געטראַכט וועגן דער ייִדישער שפּראַך, זי איז דורך אים בינתים רײַכער געוואָרן אין טעמפּעראַמענטפֿולע קלאַנגען. פּרצס סטיל איז אַזאַ, ווי מען וואָלט אים ערשט פֿון פֿײַער אַרויסגענומען, דאָס אייבציקע וואָרט ברענט, עס צינדט זיך אָן און לעשט זיך אויס, זײַן שפּראַך איז אַזאַ מין פֿײַערווערק, וואָס צעשיט זיך פֿונקענווײַז, שימערירנדיק און בליצנדיק. דער זאַץ איז אַן אויפֿגערעגט־

-13-

פּרצס מאַניר



Igor Severyanin (1887–1941), Futurist poet
1913 The Cup of Thunder

Maurice Maeterlink 1862–1949
1911 Nobel Prize

זר מענטש" אַזוי איז
גיין צו זײַן שפּראַך.
־ום און לאָם געבאָרן
שן זיך איבעם פֿאַר־
אַלט־העברעיִשע און
לעכקייט. וועגן סטיל
פֿעלט אַפֿילו דער
ראָזע, וואָס זאָל זײַן
נקייט, די ווערטער
פּט פֿון אַן אייגענער

נט די ערשטע ייִדי־
דרוקטער ספֿר איז
רכּבֿת המשנה אויף
דער הקדמה דעם
יקלעך איז געוואָרדן
כר אַן טאָג ברענגט
יכער גימיינר מאַן

ונדז פֿרעמד אַפֿילו
ון דעמאָלט
ט זײַן געלײַטערט,
ײַסט האָט איבער־
צן אויף דאָס נײַ
יקלט ביז צו דער
קאָן מען ערשט
ליגט צווישן דער
ר איליאַדע אויף
אויף אַ געוויסער
טלערישער רײַפֿ־
.
ט באַקומען „דעם
ס וואָרט אין די
לקסשאַפֿונג, נאָר
פּאָלק שאַצט ניט

ניטאָ פֿאַר זיי אין ייִדיש קיין „שאַרפֿע בליצן". דאָס וואָרט איז „צאַרט און גלאַטיק" און אָנשטאָט דעם טעם פֿון „לאַקריץ־פּלעצל", דערפֿילט מען אָפֿט, גאָר אָפֿט בײַ דוד אײַנהאָרן דעם ציטערדיקן עלעגישן ווידערקלאַנג פֿון אַ שפּראַך, וואָס פֿליסט מיט אַ ריטמישער מוזיקאַלישקייט. און בײַ שלום אַש די גרינגקייט און באַפֿליגלטקייט פֿון וואָרט, וואָס לאָזט זיך שמעקן דורך פֿריש ווי אַ טראָפּן טוי, און עס אָטעמט ניט מיט „גענדזן־שמאַלץ" נאָר מיט דעם ריח פֿון „גרעזער", בריח השדה אשר ברכו ה'... און אַז די ייִדישע שפּראַך איז ניט „טויט און מאַט" פֿאַר ליבע ווײַזן מיר עס נאָך פֿון די ייִדישע פֿאָלקסלידער. אויב דאָס פֿאָלק האָט אײַנגעפֿירט אַ טעמע קינסטלעריש, ניט ערגער פֿאַר אַנדערע געשוואָרענע קינסטלער, איז עס די טעמע פֿון ליבע. אין דער ייִדישער קינסטלערישער ליטעראַטור טרעפֿט זיך אָפֿט אַז דער ליבע־מאָטיוו איז ווי אין דעם פֿאָלקסליד. ס'איז כדאי צו ציטירן איין ליד פֿון אַ פֿולע:

איך גיי אַרויס אויפֿן גאַניקל,
די שטעטעלע באַקוקן.
קומט צו פֿליען אַ קליינע פֿייגעלע
און טוט זיך צו מיר בוקן.
זי וואַרפֿט אַראָפּ מיר אַ קליינעם בריוועלע,
איך טו עס באַלד באַקומען.
איך לייען דורך די ערשטע שורהלע,
מײַן געליבטער איז פֿאַרדאָרבן.
איך לייען איבער די צווייטע שורהלע,
מײַן געליבטער איז געשטאָרבן.
קלײַבט צונויף מײַנע אַלע חבֿרטעס
אַלעמען אין איינעם,
די וואָס האָט נאָר אַ ליבע געשפּילט
זאָל מיר העלפֿן וויינען.

עס גייט ניט אַרײַן אין דער אויפֿגאַבע פֿון דעם אַרטיקל זיך אָפּצושטעלן אויף דעם האַלב מיסטישן אינהאַלט פֿון אָט דעם פֿאָלקסליד. ווען מען באַטראַכט אָבער די אײַנפֿאַכע ווערטער, דורך וועלכע די טאַלענטירטע פֿאָלקס־דיכטערין זאָגט אַרויס איר אומענדלעכן טרויער, מוז מען מודה זײַן, אַז פּרץ האָט אַ ביסל גערעכט. ווען ער האָט — אין פּעריאָד ווען ייִדיש איז געווען אַ „שפּחה" בײַ העברעיש — אָפּגעשאַצט אונטערן האַנט די גאַנצע ייִדישע שפּראַך אַלס שפּראַך פֿאַר פּאָעזיע. נאָר פּרץ האָט תּשובֿה געטאָן. און אין דעם אָרט, וווּ פּרץ דער בעל־תּשובֿה שטייט, טאָרן ניט שטיין די איצטיקע ייִדישיסטישע צדיקים גמורים...

ייִדיש איז איבערגעפּרוּווט געוואָרן דורך אַלערליי גרעסערע און קלענערע גײַסטער, די דינסטע געפֿילן און אויך די טיפֿסטע געדאַנקען (פֿילאָסאָפֿישע געשיכטע פֿון דער פֿילאָסאָפֿיע) האָבן געקאָנט אַרויסגעזאָגט ווערן אויף באַהאַלטן. אָבער דאָך האָט מען געמוזט איבעראַרבעטן ווערן, ווען אין ייִדיש האָט זיך באַוויזן דער ערשטער אַריסטאָקראַטישער סטיל. דער גראַציעזער פּלאַסטישער נוסח פֿון דער אײדעלער, שטאָלצער נשמה, וואָס איז שוין מיד געוואָרן צו געזען די ביטערקייט פֿון דער וועלט. דער סטיל פֿון גײַסט וואָס האָט זיך איבערגעזעטיקט פֿון די קולטורוועלטן און צוליב דעם איבערפֿלוס פֿון שטימונגען רעדט ער גאָר קורץ, מיט געוואויגענע, געציילטע ווערטער, און אַ מידע טרויעריקייט וויט פֿון יעדער אָנגעשריבענער שורה.

בערגעלסאָן האָט אַרײַנגעבראַכט דעם דאָזיקן סטיל אין דער ייִדישער ליטעראַטור, די קאַלטבלוטיקע, ווייכע, עפּיש־פֿאַרחלומטע שפּראַך פֿון נאָך אַלעמען איז די לעצטע געשטאַלט אין וועלכער ייִדיש האָט זיך באַוויזן. בערגעלסאָן איז דערווײַל דער לעצטער, וואָס האָט באַלויכטן מיט אייגנאַרטיקער שײַן די ייִדישע שפּראַך.

און אָט אַזוי האָט זיך דאָס מאַמע־לשון קינסטלעריש פֿאַרפֿעסטיקט. די סטילן — זענען די פֿעסטונגען. די בעסטע פּאָעמע וואָס דער ייִדישער שעפֿערישער גײַסט האָט געשאַפֿן איז די ייִדישע שפּראַך. ייִדיש איז אונדזער שיר־השירים, דאָס ליד פֿון אַלע לידער. עס איז נאָך ניט אויפֿגעשטאַנען בײַ אונדז דער טורגעניעוו, דער באַלמאַנט, וואָס זאָל באַזינגען די ייִדישע שפּראַך אַזוי ווי זיי האָבן באַזונגען די רוסישע. נאָר ער וועט קומען — די ליבע צו ייִדיש וועט אַרויסרופֿן דעם דאָזיקן דיכטער. די ייִדישע פֿילאָלאָגיע האָט באַוויזן און וועט ווײַזן די אויסערלעכע האַרמאָנישע גאַנצקייט פֿון דער שפּראַך, די פֿײַנע ליטעראַטור — איר אינערלעכע רײַכקייט און אירע קינסטלערישע מעגלעכקייטן. דאָס ייִדישע וואָרט איז סינטעטיזירט געוואָרן דורך די פֿײַנסטע גײַסטער פֿון פֿאָלק, און עס טראָגט מיט זיך דעם מוזיקאַלישן ריטעם פֿון זינגענדיקע ייִדישע נשמות. אויב אונדזער שפּראַך האָט נאָך עפּעס צו באַזינגען, וועט זי געווינען דורך אירע בלומען מערער, איידער דורך אירע פּובליציסטיש־פּאַפּירענע שווערדן.

וועקער, 1918